בחצרות
סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר
בעזהשי"ת
יום ד' פ' ויצא | תשע"א | סוטה: מ"ו.

# באריכט:

נעכטן נאכמיטאג נאך מנחה בביתו נאוה קודש איז דער רבי שליט"א געפאהרן אויף שיכון סקווירא צו די חופה פון נכדי גיסו כ"ק אדמו"ר מ'סקווירא שליט"א.

## רבינו שליט"א באזוכט אין ישיבה קנין תורה ד'סאטמאר אין מאנסי

נאך די חופה איז דער רבי שליט"א געגאנגען אויף מאנסי ווי דער רבי איז צוגעפאהרן צום בנין הישיבה קנין תורה ד'סאטמאר אין מאנסי ווי דער רבי שליט"א האט געשעפט א עונג רוחני צוקוקענד'יג ווי די חשוב'ע בחורי חמד תלמידי הישיבה זענען זיך מייגע אויף תורה, דערנאך האט מען געדאווענט מעריב, און נאך מעריב איז פאהרגעקומען א מסיבת לחיים, ווי עס האט אויפגעטרעטן דער ראש הישיבה הגה"צ אבד"ק קהלתינו מאנסי שליט"א, און דערנאך האט דער רבי שליט"א משמיע געווען דברות קודש פאר די בחורים.

## רבינו שליט"א שטאהט אפ ביקורי גומלין ביי גיסיו הרבנים הגואה"צ מ'וויזניץ שליט"א

דערנאך איז דער רבי שליט"א געגאנגען אויף א ביקור גומלין צו גיסו הרה"צ ר' ישראל האגער מ'וויזניץ שליט"א, אין זיין אכסניא אין מאנסי ווי עס האט זיך אנטוויקעלט א שיינער שמועס.

דאן איז דער רבי שליט"א אריבער צו די אכסניא פון גיסו הרה"צ ר' מענדל האגער שליט"א אב"ד קרית וויזניץ ווי דער רבי האט אפגעשטאהט א ביקור גומלין און עס האט זיך דארט פארפירט א שיינער שמועס.

פון דארט איז דער רבי שליט"א געפאהרן אויף וומסב"ג ווי עס איז געווען זמן כניסה ביז אין די שפעטע נאכט שעות.

## עסקני ביהמ"ד ישמח משה וומסב"ג בקודש פנימה

בשעת דער רבי שליט"א האט געוויילט אין וומסב"ג זענען די אברכים עסקנים פון ביהמ"ד ישמח משה אין וומסב"ג אריין אל הקודש

פנימה לקבל ברכת הקודש איידער די עפענונג פונע'ם ביהמ"ד וועלכער קומט אי"ה פאהר דעם שב"ק אינאיינעם מיט א חגיגת הכנס"ת.

מער דעטאלן וועלן אי"ה נאכפאלגן.

⁂

היינט אינדערפרי האט דער רבי שליט"א געדאווענט שחרית אין ביהמ"ד הגדול ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר פרץ קליין הי"ו פון מאנסי.

⁂

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,
און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין
מוז ארייגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען
פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.